**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אז אלע 532 בארעכטיגטע פאליציי אגענטורן אין ניו יארק האבן באקומען סטעיט סערטיפיקאציע פאר אפיציר עמפלוימענט ווי פארלאנגט דורך די פראפעסיאנאלע פאליסינג אקט פון 2021**

***סערטיפיקאציע צייגט אז די מיוניסיפל, אויטאריטעט, סטעיט, און רעילראוד פאליציי אגענטורן פאלגן אויס פארצווייגטע סטעיט אויפנעמונג סטאנדארטן פאר פאליציי אפיצירן און קומען נאך פאדערונגען צו באריכטן מיסקאנדאקט און עמפלוימענט אינפארמאציע***

***יעדע פון די אגענטורן האבן באקומען סערטיפיקאציע ווי פארלאנגט איידער די היינטיגע באשטימטע דעדליין***

גאווערנער האקול האט היינט געמאלדן אז 532 פאליציי אגענטורן אין ניו יארק סטעיט - 100 פראצענט פון אלע בארעכטיגטע אגענטורן - האבן באקומען סטעיט סערטיפיקאציע פאר קאמפלייענס ווי פארלאנגט דורך די פראפעסיאנאלע פאליסינג אקט פון 2021 די סערטיפיקאציע צייגט אז די מיוניסיפל, אויטאריטעט, סטעיט, און רעילראוד פאליציי אגענטורן פאלגן אויס פארצווייגטע סטעיט אויפנעמונג סטאנדארטן פאר פאליציי אפיצירן און קומען נאך פאדערונגען צו באריכטן מיסקאנדאקט און עמפלוימענט אינפארמאציע פאר סטעיט אגענטורן. יעדע פון די אגענטורן האבן באקומען סערטיפיקאציע ווי פארלאנגט איידער די היינטיגע באשטימטע דעדליין.

"פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און איך בין פארפליכטעט צו צושטעלן פאר געזעץ אינפארסירונג אין ניו יארק די געצייג וואס זיי דארפן כדי צו טון זייער ארבעט ערפאלגרייך," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר וועלן ווייטער ארבעטן מיט אונזערע פארטנערס אין געזעץ פארסירונג צו פארזיכערן אז יעדע קאמיוניטי אין ניו יארק איז פארזיכערט און ווערט באהאנדלט מיט כבוד."

די פראפעסיאנאלע פאליסינג אקט איז אריין אין קראפט אום אקטאבער 16, 2021, שטארקנדיג סטעיט איבערזיכט פון פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס מיטן ציל פון פארזיכערן אז מענטשן וועלכע ארבעטן אלס פאליציי אפיצירן זענען קוואליפיצירט, פון גוטע מאראל כאראקטער און פיזיש און פסיכאלאגיש פאסיג צו טון דעם פליכט. איידערן איינפירן דעם געזעץ, האבן אגענטורן געהאט זייערע אייגענע אויפנעמונג סטאנדארטן, רעזולטירנדיג אין אומאייניגע פירונגען און באדינגונגען פאר ארבעט דורכאויס יוריסדיקציעס. די סטעיט האט נישט פארלאנגט אז אגענטורן זאלן אויספאלגן בעסטע פראקטיצן פאר אויפנעמונג - פארלאנגענדיג פאליציי קאנדידאטן צו דורכגיין פינגערפרינט-באזירטע קרימינעלע היסטאריע בעקגראונד טשעקס אדער פסיכאלאגישע עקזאמען און באשטעטיגן אויב אן אפיציר'ס טרענירונג אדער לייסענס איז געווארן צוריקגעצויגן פאר מיסקאנדאקט - צום ביישפיל, כאטש וואס פיל אגענטורן האבן דאס געטון. דאס געזעץ האט אויך געגעבן פאר אגענטורן צוויי יאר פונעם פעליגן דאטום צו באקומען פארלאנגטע סערטיפיקאציע מיט אויפנעמונג און באריכטונג סטאנדארטן.

**אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער ראזען ראסאדא האט געזאגט,** "ניו יארק איז געווען דער ערשטער סטעיט אין לאנד צו מאנדאטירן עיקר טרענירונג פאר נייע פאליציי אפיצירן. די פראפעסיאנאלע פאליסינג אקט בויעט אויף די לעגאסי פארלאנגענדיג גרונטליכע, פארצווייגטע סטאנדארטן פארן אויפנעמען און באריכטן. איך וויל באדאנקען די מיטגלידער פון מיין טיעם וועלכע האבן פארברענגט פיל שעות אין פארלויף פון די לעצטע צוויי יאר ארבעטנדיג מיט אגענטורן און איבערקוקנדיג דאקומענטן צו פארזיכערן איינפירונג פון די קריטישע רעפארמען."

אויפנעמונג סטאנדארטן פאדערן פון פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס צו דורכפירן פסיכאלאגישע אפשאצונגען און הונטערגרונד אויספארשונגען פאר פאליציי אפיציר קאנדידאטן. די הונטערגרונד אויספארשונג מוז אריינגעמען, אבער נישט זיין באגרעניצט צו, א פארצווייגטע אפליקאציע און פערזענליכע היסטאריע דערקלערונג דורכן קאנדידאט וואס אדרעסירט באשטאנדטיילן פון מאראלישע כאראקטער ווי עס שטייט אויסגעשריבן אינעם סטאנדארט; א פינגערפרינט-באזירטע קרימינאלע היסטאריע אונטערזוכונג; און אמוויינגסטנס, אן איבערזיכט פון אינפארמאציע צוגעשטעלט דורך פאמיליע מיטגלידער, פערזענליכע רעפערענצן, עדיוקעישאנעל אינסטיטוציעס פריערדיגע ארבעטסגעבער, פריערדיגע שכנים אדער לענדלארדס, ארגאניזאציעס און אפיליאציעס; קרעדיט אגענטורן; די געריכטן; געזעץ פארסירונג אגענטורן וואו דער אפליקאנט האט געוואוינט אדער געארבעט; די סטעיט דעפארטמענט און מאטאר וויהיקלס, און די פאראייניגטע שטאטן מיליטער.

פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס מוזן דורכפירן פערזענליכע אינטערוויוס פון קאנדידאטן, און פארלאנגען זוכונגען פון די סטעיט'ס צענטראלע רעגיסטרי פון פאליציי און פרידן אפיצירן, וועלכע די סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services, DCJS) האלט אויף, און די נאציאנאלע דיסערטיפיקאציע אינדעקס פאר טרענירונג סערטיפיקאט אדער לייסענס צוריקציאונגען צוליב באאמטער מיסקאנדאקט.

אגענטורן מוזן אויך באריכטן אפיציר מיסקאנדאקט צו די פאסיגע סטעיט אגענטור. ווילעדזש, טאון און סיטי פאליציי דעפארטמענטס און קאונטי שעריף'ס אפיסעס מוזן באריכטן סיי וועלכער אפיציר איבער וועמען זיי האבן באקומען פינף אדער מער באקלאגענישן אינערהאלב צוויי יאר צו די סטעיט אטוירני דזשענערל געזעץ פארסירונג מיסקאנדאקט אויספארשונגס אפיס; פאליציי דעפארטמענטס אנגעפירט דורך סטעיט אגענטורן מוזן באריכטן מיסקאנדאקט צו די סטעיט אינספעקטאר דזשענערל'ס אפיס, און די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט און די פארט אויטאריטעט פאליציי דעפארטמענטס מוזן באריכטן מיסקאנדאקט צו זייערע אינספעקטאר דזשענערל'ס אפיסעס.

אלע אגענטורן מוזן נאכקומען די באריכטונג פאדערונגען צו די צענטראלע סטעיט רעגיסטרי פון פאליציי און פרידן אפיצירן. די אינפארמאציע נעמט אריין, אבער איז נישט באגרעניצט צו, אויפנאם דאטומס, פארענדיגונג פון עיקר טרענירונג דאטומס, און אוועקנעמונגען פאר א סיבה. אונטער סטעיט געזעץ, איז א פאליציי אדער פרידן אפיציר'ס עיקר טרענירונג סערטיפיקאט זאפארט אומגילטיג ווען אן אפיציר ווערט אוועקגענומען פאר א סיבה פאר מיסקאנדאקט, אדער אן אפיציר האט אפגעטרעטן אדער רעטייער'ט נאך, אדער אין פארבינדונג מיט, באשולדיגונגען פון מיסקאנדאקט. DCJS האלט א ליסטע פון פאליציי און פרידן אפיצירן וועמען'ס טרענירונג איז געווארן די-סערטיפייד אויף איר וועבזייטל און אפדעיט עס יעדן מאנאט.

די סטעיט'ס געזעץ פארסירונג אגענטור אקרעדיטעישן קאונסיל, פאר וועמען DCJS שטעלט צו פולשטענדיגע שטאב שטיצע, האלט אויפזיכט אויף די מאנדאטירטע סערטיפיקאציע פראצעדור און א פרייוויליגע אקרעדיטעישן פראגראם פאר פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס. די קאונסיל האט געשאנקען סערטיפיקאציע אויף א ראלינג שטייגער, אנגעהויבן דעצעמבער 2022, און שליסנדיג זיך פריער אין דעם חודש. דאס האט ערלויבט די 532 אגענטורן צו צוזאמנעמען אלע דאקומענטן וואס זענען

נויטיג כדי צו צייגן אויספאלגונג, האט צוגעשטעלט פאר DCJS שטאב גענוג צייט איבערצוקוקן יענע דאקומענטן, און רעזולטירנדיג אין אלע אגענטורן נאכקומענדיג דעם אקטאבער 16, 2023 באשטימטע דעדליין. אגענטורן מוזן ווערן ריסערטיפייד יעדע פינף יאר.

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס איז א פילפאכיגע קרימינאלע יוסטיץ שטיצנדע אגענטור מיט א רייע פאראנטווארטליכקייטן, אריינרעכענענדיג געזעץ אינפארסירונג טרענירונג; זאמלונג און אנאליזירונג פון פארברעכן ציפערן פון איבער די סטעיט; אויפהאלטן קרימינאלע היסטאריע אינפארמאציע און פינגער דרוקן פיילס; אדמיניסטראטיווע אויפזיכט איבער די סטעיט'ס ציפערן באנק פון DNA, אין צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי; פינאנצירונג און אויפזיכט אויף פראָובעישען און קאמיוניטי טורמע פראגראמען; אנפירן פעדעראלע און סטעיט קרימינאלע יוסטיץ קאסעס; שטיצן קרימינאלע יוסטיץ-פארבינדענע אגענטורן איבער די סטעיט; און אנפירן די סטעיט'ס סעקסועלע פארברעכער רעגיסטראר. פאלגט נאך די אגענטור אויף פעיסבוק, אינסטאגראם און X (פריער טוויטער).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418